STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03979

HAN RINER

Hersh Fenster

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

האָ רינער, זיין לעבן און שאפן

H. FENSTER

HAN RYNER
SA VIE ET SON ŒUVRE

*

Printed in France

Editions Polyglottes 232, rue de Charenton, Paris-12



1938 — האַן רינער — 1861

פאָרוואָרט

אין אונדזער טרויעריקער סכנהדיקער צייט, ווען די מענטשהייט שטייט פנים אל פנים פאַר דער געפאַר פון אַן אַטאָמישער מלחמה, ווען טויזנטער מענטשן קומען אום טאָג טעגלעך אויף די שלאַכט-פעלדער פון אַזיע, און אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן אין אַ ריי לענדער, קומען מיר מיטן אַרויסגעבן די בראָשור פון ה. פענסטער, וואָס איז געווידמעט דעם לעבן און שאַפן פון איינעם פון די אָנגעזעענסטע פראַנצויזישע פרייהייטלעבע גייסטיקע מענטשן, כדי אין דער ערנסטער צייט ווייטער צו וועבן די טראַדיציעס פון פרייהייט און הומאַניזם.

האַן רינער איז געשטאָרבן קורץ פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, דער מחבר האָט די בראָשור אָנגעשריבן אין די ערשטע חדשים נאָך זיין אָפּשטאַרבן; דער מלחמה-אויסברוך, די דייטשע אָקופּאַציע, און דאָס וואַלגערן זיך פון מחבר איבער די לאַגערן פון פראַנקרייך, האָט געמאַכט אוממעגלעך דאָס באַלדיקע דערשיינען פון דער בראָשור.

דאָס דערשיינען פון דער דאָזיקער אַרבעט פאַלט צוזאַמען מיט דעם פייערלעכן אָוונט פון פּאַריזער יידישע פאָלקס-מענטשן און אינטעליגענץ פאַרן מחבר ה. פענסטער, פאַר זיין גרויסע היסטאָרישע אַרבעט בײַם אַרויסגעבן דאָס מאָנומענטאַלע ווערק, „אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלער".

זאָל אונדזער ביישטייער זיין אַ טאָפּלטער: אַ מתּנה דעם מחבר צום אַרויסגעבן פון זיין גרויסע אַרבעט.

און דעם לייענער זאָל די בראָשור, געשריבן מיט האַרץ און ליבשאַפט, אָנרעגן זיך צו פאַרטראַכטן און נאָכדענקען וועגן דעם אידעען-גאַנג פון האַן רינער, דעם מענטש און פרייהייט-רופער.

ביבליאָטעק „פרייע טריבונע"

פּאַריז, מאַי 1951.

האַן רינער, זיין לעבן און שאַפן

איך וויל זיין אַ מענטש אַ גאַנצער, איך וויל זיין — אין אַ גוף פון אַ מענטש — אַ ליכט און אַ וואַרעמקייט פון אַ מענטש, אַ האַרץ און אַ שכל פון אַ מענטש.
האַן רינער: „פאַרשיידענע מינים אינדיווי־דואַליזם".

אַ פּאָעט, אַ חכם, אַ פילאָזאָף מיט אַ טיף מענטשיש האַרץ און לויטער־באַפרייערישן וואָרט, אין אוועק אין דער אייביקייט:
האַן רינער.

פאַר די, וואָס האָבן געלייענט זיינע פול מיט חכמה און רירנדיקער שיינקייט ווערק, איז דער דאָזיקער נאָמען אַ לויכטנדיקער טורעם אין חשכותדיקער צייט, אַ צאַרטער גלעט, אַ גלויבן אין אַכזריותדיקע טעג.

לאָמיר אין דעם תהו־ובהו און צעריסנקייט פון פאַרנעפּלטן היינט ריידן פון דעם, וואָס איז אין אַרומיקער זינלאָזיקייט געווען זין, און אין שקלאַ־פישער געדאַנקלאָזיקייט געווען באַפרייערישער געדאַנק, זוניקע חכמה, און שלומדיק וואָרט.

האַן רינער (אייגנטלעך אַנרי נער, און אפשר גאָר „נר"?) איז געבוירן געוואָרן דעם 7־טן דעצעמבער 1861, אין דער שטאָט נעמור, אַלזשיר, ביי קאַטאָלאַנישע עלטערן. פון דורות וועבער האָט ער דעם יחוס זיינעם געצויגן. אויך זיין פאָטער האָט זיך מפרנס געווען פון וועבעריי.

דער פלוצעמדיקער אויפקום פון זשאַקאַר׳ס וועבמאַשין האָט אַכזריות־דיק איבערגעריסן דעם פון דורות אָן פאַרפעדעמטן פאָדעם פון די האַנט־וועבערס און ווי אַ בייזע שטיפמאַמע האָט זי זיי אַרויסגעוואָרפן אין גאַס, אין איינעם מיטן פאָטער פון שפּעטערדיקן דיכטער, פילאָזאָף, עסעאיסט און ערודיט, דעם מייסטער פון דער פילאָזאָפישער דערציילונג.

דער פאָטער האָט זיך שפּעטער גענומען זוכן אַן אַנדער קוואַל פון חיונה. ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי שוסטעריי. געווען איז ער אַן אויטאָדידאַקט. ביז זיין צוואַנציקסטן לעבנסיאָר נישט געוווסט צומאָל פון קיין צורת אַלף.

ווען דער זיידע פון האַן רינער שטאַרבט — לאָזט ער איבער דעם פאָטער אַ פיר הונדערט פראַנקיקע ירושה. פאַר אָט דער ירושה קויפט אָפּ דער יורש ביים שטעטלדיקן בריווטרעגער זיין באַשעפטיקונג. נישט קענענדיק לייענען — מאַכט ער זיך כלערליי סימנים אויף די בריוו, בכדי זיי צו קע־נען פונאַנדערטיילן, רייטנדיק אויף אַן אייזעלע. פּאַמעלעך לערנט ער זיך אוים לייענען און שרייבן. ער לערנט בכלל מיט גרוים התמדה. אין עטלעכע

חדשים אַרום לערנט ער שוין אַנדערע. ער לערנט ביי טאָג דאָס, וואָס ער וועט דאַרפן קנעלן מיט זיינע תלמידים ביי נאַכט.

וויפל שפּרודלדיקע, פרישע, גייסטיקע כוחות, וויפל פרישע ענערגיע עס דרעמלען אָפט מאָל אין די טיפעניש פון נישט־פאַרדאַרבענעם, פשוטן פאָלק!

די מוטער פון האַן רינער, וועלכע איז געווען אַ לערערין, איז געווען אַ טאָכטער פון אַ רופא, וועלכער איז בשעת דער ממשלה פון לואי פי־ליפּן, געווען פאַרקאַכט אין אַלע פאַרבאָרגענע רעפּובליקאַנישע און אויך באָנאַפּאַרטיסטישע קרייזלעך.

ווען האַן רינער איז אַ חודש אַלט, לאָזן זיך זיינע עלטערן מיט אים אין פראַנצויזישן דרום. דער טאַטע אַרבעט אויף אַ פּאָסט און די מאַמע גיט זיך אָפּ מיט לערעריי. דער שטעטלדיקער טייך, די דרום־לאַנדשאַפט, לייגן אַרויף זייער חותם אויפן מחבר פון „סאָקראַטעס' אמתע רייד".

צו זעכצן יאָר מאַכט ער אַדורך אַ טיפן רעליגיעזן קריזיס. זיין יונגע, סובטעלע נשמה הילט זיך דעמאָלט אינעם נעפּלדיקן שלייער פון קאַטוי־לישן מיסטיציזם. ער איז פאַרטיפט אין רעיונות און איז פול מיט דבקות. ער גאַרט, ווי ערנעסט רענאַן בשעתו, צו ווערן אַ גלח און לערנט מיט התמדה לאַטיין.

אָבער דער פּלוצעמדיקער טויט פון זיינס אַ ברודערל, דער פאַר־צווייפל־אַרויסגעשריי פון זיין טיף גלייביקער קאַטוילישער מאַמען, אירע פּלוצעמדיקע טענות און ווידערשפּעניקייט צו גאָט, אַ געשריי, וואָס איז געקומען פון מאַמעשן צער, צעטרייסלען די יונגע נשמה. מאַמעשער ווייַ־אויסגעשריי צערייסט דעם זונס מיסטישן איינהיל... און עס טויכן אויף שעהען פון ספקות, און „ציטערנדיק פון פחד און פון גבורה הייבט ער אָן פאַרשטיין, אַז אַן ערלעכער מענטש איז בעסער פון די געטער און אַז מיט דעם, וואָס די געטער האָבן אין זיך גוטס, זיינען זיי די זין פון די בני־אדם.

***

אין אָנהייב פון זיין הערלעך ווערק „די חכמה, וואָס לאַכט", וואָס איז נאָך זיין „מסיעות פון פּסיכאָדאָר" איינס פון זיינע וויכטיקסטע ווערק, אַ ווערק פון טיפער חכמה און באַצויבערנדיקער שיינקייט, אין וועלכן דער מחבר פּרווּט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אונדז צו באַקענען מיט זיין וועלט־באַנעם, מאָלט ער אונדז דעם דאָזיקן טראַגישן עפּיזאָד.

דער דיכטער, דער פילאָזאָף, דער מענטש פון האַרץ און שכל גע־זעגנט זיך מיט זיינע עלטערן, מיט דעם, וואָס זיי זיינען געווען, מיט זייער גייסטיקער וועלט:

„איך האָב פאַר דיר, מאַמע מיינע, קיין מאָל זיך נישט דערוועגט צו זאָגן מיין געדאַנק, וואָס איז, אגב, געווען דער זון פון דיין פאַרצווייפלונג".

צי רייסט ער איבער מיט די אבות, מיט די פאַרפלאָסענע דורות? בשום אופן נישט. אים זיינען די אָבות, די פאַרפלאָסענע דורות, הייליק און טייער. ער איז זיי געטריי. און זיין זיי געטריי הייסט נישט בלייבן שטיין מיט זיי אויף איין אָרט, נייערט גיין, אָן אָפּהאַלט, אַלץ ווייטער און ווייטער: אָנגיין מיט דער גרויסער נסיעה, וואָס זיי, די אבות, האָבן אָנגעהויבן און וואָס איז איבערגענומען געוואָרן בירושה צו ליכטיקע באַרגשפּיצן.

כאָטש ער האָט זיך שוין געהאַט באַפרייט פון קאַטוילישן מיסטיציזם, הערט ער נישט אויף צו לערנען מיט פליים לאַטיין. ער שטודירט רעטאָריק און פילאָזאָפיע אין דער אוניווערסיטעט פון דער שטאָט עקס־אַן־פּראָוואַנס.

ווען ער ענדיקט די אוניווערסיטעט ווערט ער אַ מיטלשול לערער. ער קנעלט אין פאַרשיידענע מקומות פון פראַנקרייך.

אין איינער פון זיי ברעכט אויס, אין יאָר 1884, אַ מגפה. מענטשן פאַלן ווי פליגן. דאָקטוירים זאָגן זיך אָפּ צו פאָרן אין די פאַרעיפּושטע ערטער זיי היילן. אין אַ שכנישן שטעטל זיינען די באַוווינער מיט די היילער געשטאָרבן.

אָבער דעם יונגן מיטלשול לערער שרעקט דאָס נישט אָפּ. מיט אַן אָרעמען דאָקטער און מיט נאָך צוויי מענטשן לאָזט ער זיך אין אַ פאַרקראַנקטער שטאָט צו היילן די קראַנקע און מקבר צו זיין די טויטע. רייניקן די פאַרעיפּושטע שטיבער. ער פירט עסן פאַר די אומגליקלעכע, זאָגט מוסר דעם פּרעפעקט פאַר נישט אינטערעסירן זיך מיט זיין פאַרקראַנקטן קאַנט. ער נעמט ביי אים עסנוואַרג פאַר די קראַנקע. און ווען דאָס עסנוואַרג ווייזט זיך אַרויס פאַר נישט גענוגנדיק — קלאַפּט ער אָן אין די טירן פון די ביי וועמען עס געפינט זיך צו עסן לרוב. מיט אַ שמייכלנדיקער איראָניע זאָגט ער:

— „עפּנט, איך בין דעלעגירט פונעם „קאָמיטעט פון עפנטלעכן וואויל" און ער נעמט צו אַלץ, וואָס ער געפינט ביי זיי, די גבירים.

***

אין יאָר 1894 קומט דער מחבר פון „די מסיעות פון פּסיכאָדאָר" קיין פּאַריז און איז דאָ, ביזן יאָר 1922, פּראָפעסאָר אין אַ מיטלשול. אין פּאַריז פאַרבינדט ער זיך מיט דער טאַלאַנטירטער פרוי, וואָס האָט געחתמעט אירע ווערק מיטן נאָמען זשאַק פרעהעל.

איר פריצייטיקער טויט אָבער רייסט פונאַנדער די צוויי אויסדער־וויילטע גייסטער.

דאָס צוזאַמענלעבן מיט דער זעלטענער פרוי, איר פריער טויט, אינס־פּירירן דעם קינסטלער און חכם ביים שאַפן פון זיין שיין און טיף ווערק „דאָס אייביקע לעבן".

אין דאָזיקן ווערק פירט האַן רינער אונדז אַריין אין אַ מיסטעריעזער, נישט־דאָיקער וועלט, אין אַ פאַרבאָרגענער, פול מיט סודות וועלט. אין אַ וועלט פון חלום, וווּ די געליבטע פרוי הילט פונאַנדער דעם סודותדיקן שלייער פון טויט, דעם אַריבערגאַנג פון דעם, וואָס מיר רופן „לעבן".

האַן רינער און דער ראַציאָנאַליזם

דער ראַציאָנאַליזם פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט מיט זיינע ווערק האָבן געהאָלפן האַן רינערן זיך אַרויסוויקלען און באַפרייען פון מיסטישן געוועב, אין וועלכן ער איז געווען געהילט. צי זיינען זיי אָבער געווען ביכולת צו שטילן די בענקשאַפט פון זיין דיכטעריש האַרץ, זיין שטאַרקע פילבאַרקייט ? ער, וואָס האָט תמיד געגאַרט צו פאַראייניקן שיינקייט און פילאָזאָפיע, דאָס חנעוודיקע און דאָס טיפע.

דעם דאָזיקן שידוך, ווו חכמה גייט מיט אַ ווונדערלעכן ריטם מיט שיינקייט, האָט ער געפונען אין קלאַסישן גריכנלאַנד. גריכנלאַנד איז פאַר אים אַ נייע אַנטפּלעקונג. זי באַפרידיקט האַן רינערן דעם קינסטלער, דעם ליבהאָבער פון פאָרעם, פון מאָס און פון ליניע. זי באַפרידיקט אויך מיט איר לעבנס חכמה האַן רינערן דעם פילאָזאָף, דעם דענקער.

און פון אָט דעם לאַנד וועט ער שוין ציען כסדר גייסטיקע יניקה. זיינע אַלע ווערק, געשריבן אין אַ פּראַכטיקן סטיל, וועלן שוין ווערן איין גרויס סימפאָניש געזאַנג פאַרן העלענישן לאַנד, פאַר אירע פרייהייטלעבע חכמים ; פאַר סאָקראַטעסן, פאַר עפּיקטעטן און פאַר צענאָן, פאַר דער שיינקייט און שלימותדיקייט פון זייער לעבן. דערמאָנענדיק די העלענישע פילאָזאָפיעס — רופט אויס זייער באַגייסטערטער גייסטיקער יורש און באַזינגער האַן רינער : „עפּיקורעיזם און סטאָיציזם, איר איידעלע בלומען, צו אייך שוועבט מיין האַרץ".

„מען דאַרף זיך אָבער, וואָרנט ער אונדז, אויסהיטן נישט צו זען גריכנלאַנד דורך רוים, וואָרעם דער רוימער, וועלכער איז בטבע אַן אומ־היילבאַרער פּאָליטיקער, דעפאָרמירט אַ יעדע יחידישע דאָקטרין, ווי נאָר ער רירט זיך צו צו איר".

נאָך שטאַרקער דריקט ער זיך אויס וועגן רוימס גייסט אין זיין

מייסטערהאַפט ווערק פון פילאָזאָפישע דיאַלאָגן: „די קריסטן און די פי־לאָזאָפן״ — „ער, דער רוימישער געניע איז גראָב און מגושימדיק. וואָס נישט פראַקטישע דעראָבערונג אַנטלויפט פון אים, מאַכט אים תּיכּף און־מעטיק״.

יאָ, מיט זיין האַרץ, מיט זיין נשמה, מיט אַלע זיינע חושים, וועט דער דיכטער־פילאָזאָף האַן רינער שוועבן צו די פרייהייטלעכע פילאָזאָפן פון קלאַסישן לאַנד, וואָרעם קיין איינער פון די שפּעטערדיקע פילאָזאָפן, איז ער אונדז מבטיח, האָט נישט געלעבט אַזוי שלימותדיק, אַזוי שיין און אַזוי אומאָפּהענגיק ווי זיי. נישט דעקאַרט און אויך אפילו נישט שפּינאָזאַ.

דעקאַרט געהערט, מחמת דער מוטיקער באַפרייאונג פון זיין אינטע־ליקט, צום אינדיווידואַליזם. זיין עפנטלעכער אינדיווידואַליזם איז אָבער געבליבן ענג אינטעלעקטועל. ער האָט זיך צוריקגעצויגן תּמימיתדיק ביי אַ יעדער פראַגע, ווו ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין הנהגה, אין מענטשישן אויפפיר. אין זיינע בריוו צו דער פרינצעסין עליזאַבעט, זאָגט אונדז האַן רינער, איז דעקאַרטס עטיק אַ סטאָאישע. די פּאָרזעעוודיקייט זיינע האָט דערלויבט זיינע מיטציייטלער זיך צו באַקענען בלויז מיט דער באַרימטער צייטווייליקער מאָראַל, ווו ער, דעקאַרט, מאַכט זיך אַ נדר צו פאָלגן די געזעצן פון זיין דור און פון זיין צייט.

און דאָס איז פאַר אים, האַן רינערן, אַ שעמעוודיקער, אַ נישט־פרייער אינדיווידואַליזם.

און שפּינאָזאַ? שפּינאָזאַ, וועלכער איז לגבי דער תּורה און דער טראַדיציע געווען אַזוי פריי, איז אין דער פּאָליטיק געבליבן אַן עבד. שפּי־נאָזאַ, זאָגט האַן רינער, פאַראַכט נישט דעם דעספּאָטיזם. זיין מאָדנער אַבסאָלוטיזם אָנערקענט די רעכט פון טיראַן איבער מיר אין גאַנצן, אַ חוץ אויף מיין טראַכטונג.

און האַן רינער פרעגט מיט רעכט:

— „וואָס פאַר אַ ממשותדיקן ווערט, מ׳שטיינסגעזאָגט, קען שוין האָבן אין זיך מיין געדאַנק, ווען ער קען זיך נישט אויסדריקן אין מיינע באַוועגונגען? *)

און שפּעטער איבסען?

— „איבסען, זאָגט אונדז דער מחבר פון „רויטן ספינקס״, איז אַן אינדיווידואַליסט מיט זיין באַליבטער פאָרמול: „וואָס דו ביסט — זיי עס אין גאַנצן״. ער איז עס מיט זיין מעטאָד, מיט זיין סאָקראַטיזם, מיט זיין אָנשטרענג נישט אָנצופירן מיט די געוויסנס, נייערט זיי אויפצוועקן. זאָלן זיי שפּעטער אַליין האַנדלען. ער איז ווייט פון דאָגמאַטיזם. אָבער, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט אויך איבסען זיך נישט באַפרייט

*) האַן רינער: „די חכמה, וואָס לאַכט״.

פון געזעלשאַפטלעכן שקר. צי האָט ער דען נישט לאַנסירט זיין זון צו אַן אָפיציעלער קאַריערע, צו דער קאַריערע פונעם גרויסן שקר, וואָס רופט זיך „דיפּלאָמאַטיע״? ער האָט אויך געזאָלט ליב האָבן אויסצייכענונגען, מעדאַלן״.

מיר טרעפן דאָס אַלץ נישט ביי די גרויסע אינדיווידואַליסטן פון אַלטן גריכנלאַנד. די דאָזיקע אינדיווידואַליסטן האָבן געוויזן די מענטשן דעם גרויסן חילוק, וואָס איז פאַראַן צווישן „געשריבענעם״ און דעם „נישט־געשריבענעם״ געזעץ. די ציניקער, זאָגט האַן רינער, האָבן געוויזן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום שייכות צווישן די ציווילע, בירגערלעכע פאַר־דינסטן און די עטישע. די ציניקער, וועמענס נאָמען מ׳האָט געמאַכט צו שפּאָט און צו שאַנד, האָבן געהאַלטן דעם אויסדרויער, דעם כוח צו קענען ליידן, דאָס מוותר זיין אויף זאַכן, דאָס נישט זיין אָפּהענגיק לגבי אַלעם, וואָס געוווינהייט, אָדער געשריבן געזעץ, פאַר די העכסטע מענטשישע מדרגות.

און די סטאָיקער האָבן געלערנט דעם מענטש פּראַקטיש פונאַנדער־צושיידן דאָס „מעגלעכע״ פון „נישט־מעגלעכן״ און האָבן פעסטגעשטעלט די גרענעצן פון זיין ווילן. זיי האָבן אים געלערנט מוותר צו זיין אויף דעם, וואָס הענגט נישט אָפּ פון אים, זיי מאַכן עס אים גלייכגילטיק און עצהע־נען אים צו ווידמענען אַלע זיינע כוחות פאַר דעם, וואָס איז פון אים יאָ אָפּהענגיק און דאָס זיינען: דעם מענטשנס מיינונגען, זיינע באַגערן, זיינע אַנטיפּאַטיעס, מיט איין וואָרט: אַלע זיינע אינעווייניקסטע מעשים.

דאָס, וואָס הענגט נישט אָפּ פון אים, דעם בן־אדם, דאָס זיינען: יענע עשירות, יענע כבודים, און יענע רעפּוטאַציע, וואָס זיי, די סטאָיקער און עפּיקורעיזם, לערנען אים פאַראַכטן.

די זאַכן, וואָס זיינען פון אים אָפּהענגיק, זאָגט עפּיקטעט, זיינען פון דער נאַטור פריי, און קיין שום כוח איז נישט ביכולת זיי צו שטערן. די זאַכן, וואָס הענגען נישט אָפּ פון אים, זיינען שוואַך, שקלאַפיש, זיי זיינען אונטערגעוואָרפן אונטער טויזנט מניעות און טויזנט אומאָנגענעמלעכ־קייטן.

דער עיקר: מען דאַרף זיך קענען, קענען זיך אַליין.

אַ יעדער מענטש, זאָגט האַן רינער, טראָגט אין זיך אַן אוצר. יעדער טראָגט אין זיך די דערקלערונג פון דער וועלט. און ער, דער בן־אדם דאַרף זיך זאָגן: אַלץ, וואָס איך וויים, איז אַז פון דרויסן וויים איך גאָר־נישט. מיין גייסט גייט נישט אַרויס פון מיין גייסט, און די זאַכן גייען נישט אַריין אין אים. איך וועל קיין מאָל נישט מער קענען ווי די סוביעק־טיווע וועלט, מיך אַליין. דער מענטש איז די מאָס פאַר אַלעם.

ווען ער, דער מענטש, האָט זיך אויסגעלערנט זיך צו קענען, האָט

ער זיך במילא אויך אויסגעלערנט צו קענען די וועלט, אויף אזוי פיל וויפל מען קען קענען די וועלט *).

— צי איז דער מענטש בכלל מסוגל זיך צו קענען? און צי איז ער פריי אין זיינע האנדלונגען, אין זיינע מעשים? און צי איז ער בכלל גאַר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי?

מיר האָבן פאַר זיך דאָ די פראַגע פון דעטערמיניזם, פון פאָרויסבאַשטימונג, און די פראַגע פון בחירה חפשית, פון פרייען ווילן.

און וואָס זאָגט האַן רינגער צו אָט דער פראַגע?

אַ יעדע מעשה, זאָגט ער, פאָדערט ווי אַ פאָרויסזעצונג די פרייהייט. קאָנסטרואירן, למשל, די וויסנשאַפט, הייסט האַנדלען, און ער רופט אויס:

— אָ, דעטערמיניזם, דיין אָנשטרענג באַשטעטיקט די פרייהייט. מיך קענען דעטערמינירן, אָנשטאָט צו ווערן דעטערמינירט, דאָס פאָלגן די באַטראַכטונגען פון די אידעען, פון עתיד, אָנשטאָט צו ווערן מעכאַניש באווירקט פון עבר, איז אפשר דאָס, וואָס איך רוף טייל מאָל פרייהייט **).

גורלדיקייט און אַלמאַכטיקייט פון בייז

אַלפרעד דע ווינִי, דער גרויסער, טראַגישער פראַנצויזישער דיכטער־פילאָזאָף, האָט אין זיינע טיף דערשיטערנדיקע פערזן דערמאָנט וועגן דער טראַגישקייט, וועגן דער אַלמאַכטיקייט פון גורל, וועגן בייז, וואָס איז פאַראַן אין דער נאַטור, וועגן די אומשולדיקע אָרעמע באַשעפענישן, וואָס ליידן, וואָס זיינען קרבנות פונעם אומברחמנותדיקן געזעץ פון לעבן. פאַרן דאָזיקן פעסימיסטישן דיכטער־פילאָזאָף, איז די נאַטור, אין היפוך צו די אַנדערע דיכטער פון ראָמאַנטיזם, וועלכע האָבן זי אַזוי באַזונגען, קאַלט, אָן געפיל, און „פאַראַכטנדיק שיין". די הימלען זיינען געוואַלטיק און ליידיק. און דער בורא, אויב ער איז בנימצא, בלינד, שטום און טויב פאַר די קולות פון זיינע ברואים. און דער טראַגישער דיכטער־פילאָזאָף, פאַר וועלכן האַן רינגער האָט, אגב, אַ סך סימפּאַטיע, פונקט אַזוי ווי פאַר עטיען דע־לאַ־באָעסי, דעם מחבר „פון דער פרייוויליקער עבדות" און פריינד פון מאָנטעין, הייבט־אָן, פון זיין טיפן ווייטיק און צער פאַר די ליידן פון אַלע אומשולדיקע באַשעפענישן, פאַר דער האַרבקייט, וואָס ער זעט אין דער נאַטור, צו ווידערשפעניקן דעם בורא און זאָגט אונדז אַז:

„אויב ס'וועט קומען אַ מאָל צו אַ דין וחשבון, וועט עס זיין דער טאָג,

*) האַן רינגער: „די חכמה, וואָס לאַבט".

**) האַן רינגער: „סוביעקטיוויזם".

ווען דער בורא עולם אַליין וועט קומען זיך פּאַרענטפערן פאַרן בית דין של מטה, פאַר די, וואָס ער האָט אויסגעליווערט זיי צום בייז דורך דעם געזעץ פונעם לעבן".

בלויז ער? און דער שטאָלצער בייראָן, וואָס האָט פון זיין דיכטערישן אָלימפּ געדונערט קעגן גאָט, קעגן גורל, קעגן די כוחות, וואָס האַלטן דעם מענטש, וואָס זיין רצון האָט נישט קיין גרענעץ, געשמידט און פאַרשקלאַפט צו זיי.

און ווי אַזוי לייזט האַן רינער די פראַגע פון דער אַלמאַכטיקייט פונעם בייז?

— „ס'איז דאָ, זאָגט ער, צוויי אייביקייטן. ס'איז דאָ „דער, וואָס איז", און „דער, וואָס ווערט". ס'איז דאָ אונדזער פאָטער, וואָס האָט אַלץ באַשאַפן. ער איז אָבער נישט שלימותדיק, נישט אין קראַפט און נישט אין גוטקייט. איז דאָך פאַראַן רשעות, סיי אין דער וועלט און סיי אין די הערצער?

ס'איז אָבער אויך דאָ אונדזער „זון", דעם, וואָס מיר שאַפן מיט די גוטע מחשבות אונדזערע, מיט אונדזער ליבשאַפט צו יושר".

און ווי אַזוי באַציט ער זיך צו דער לאָגיק?

— „לאָגיק, זאָגט ער, צי זאָל איך דיך נישט רופן „דאָס פאַרלוירענע קינד?". באַשטעטיקן איין זאַך מיינט אָוועקוואַרפן, פאַרניינען וויפל זאַכן? און אויף וויפל וועגן איז מען מוותר, ווען מען אַדאַפּטירט נאָר איין איינציקן וועג? דער, וואָס גייט דיר (דער לאָגיק) נאָך, מיט אַ תמידיקן צוטרוי, וויל אַרויסבאַקומען פון איינעם פון די ליכטער, פון איינעם פון די וועגן, וואָס זי ווייזט אָן, אַלצדינג. און האַבנדיק זיך דערווייטערט וואָס אַ מאָל מערער און מערער פון דער פּרימיטיווער קלאָרקייט ענדיקט דער לאָגיקער מיטן פאַרלירן די איינציקע ליכט, אויף וועלכן ער האָט מסכים געווען *).

און האַן רינער עצהט דער לאָגיק צו בלייבן נישט די האַרינטע, נייערט די שיפחה, אַ פּאַרזיכטיקע שיפחה פאַר וועלכע ער היט זיך. די לאָגיק איז פאַר אים אפשר מער די קונסט פון ריידן, איידער די קונסט פון דענקען. זי איז פאַר אים אַ קאַפּיטל פון דער עסטעטיק. זי לערנט אונדז די מיטלען ווי אַזוי צו שאַפן יענעם מין שיינקייט, וואָס מיר רופן „איינהייט".

**
*

דאָס שטערט אָבער נישט האַן רינערן צו אָנערקענען די פאַרדינסטן פון דער לאָגיק פאַר די היינטיקע געלערנטע, וואָרעם זי, די לאָגיק, פירט

---

*) האַן רינער: „די פינפטע עוואַנגעליע".

צו השערות, וואָס די געלערנטע פּרוּוון אויס זאָרגעוודיק און וואַרפן זיי אָפּ פון פיר מאָל דריי מאָל.

***

און די מעטאַפיזיק?

זוכן, זאָגט ער, אין דער מעטאַפיזיק אַ סדר פאַר זיין לעבן איז פונקט אַזוי ווי פאַרלאַנגען עפּעס פון אַ מיראַזש *).

צי זאָגט ער זיך אָבער אָפּ אין גאַנצן פון איר?

ווי אַ בין, וואָס פלאַטערט אין אַ זיידן־בלויען זומערטאָג פון איין מין בלום צו אַן אַנדער מין בלום פאַרכישופט פון אַלע זיינע פאַרבן, זאַפטן און ריחות, האָט אויך האַן רינגער, וועלכער זאָגט זיך נישט אָפּ פון קיין שום גייסטיקער מאַניפעסטאַציע, אַ מאָל ליב, ביי אַ געלעגנהייט, אויך צו פאַרזוכן די מעטאַפיזיק, וואָס איז פאַר אים אַ מאָל „די קונסט איינצוּשטילן אונדזערע אַנטינאָמיעס, אונדזערע אינעווייניקסטע סתירות". און פונקט אַזוי ווי ער האָט דרך־ארץ פאַר אַ יעדן באַשעפעניש, אַזוי האָט ער אויך דרך־ארץ פאַר איטלעכער מאַניפעסטאַציע פון מענטשנס געדאַנק, ווייל „ווער עס זאָגט אָפּ דאָס חיות פאַר איין איינציקער פאָרעם, פאַר איין איינציקן בליק, פאַר איין איינציקער האַלטונג, פאַר איין איינציקן ספּעקטאַקל, דער דערקלערט זיך אַליין פאַר נישט מסוגל משיג צו זיין די פאַרשיידנאַרטיקייט און געטרייע לעקציע פון לעבן" **).

ער איז אַ באַגייסטערטער און געטרייער באַזינגער פון פאַרשיידנאַרטיקייט, פון אַנדערשקייט. זיי מאַכן רייך אונדזער לעבן. איינזייטיקייט מאַכט אונדז אָרעם, פילזייטיקייט ברייטערט אויס אונדזערע האָריזאָנטן. ער ווערט דער באַזינגער פון פּלוראַליזם, להיפוך צום געצנדינערישן, רוצחישן טאָטאַליטאַריזם, וואָס וויל נישט מער זען ווי איין תניעה בלויז פון די פילע תניעות, איין טאָן פון די פילע טענער, איין אָרעמע פאַרב פון דער גרויסער שפע פון פאַרבן, איין באַגרענעצטע מאָס פון דער גרויסער, אין — סופיקער מאָסלאָזיקייט. ער איז אַ ביטערער שונא פון אוניפאָרמיזם, פון דאָגמאַטיזם, פון די אָפיציעלע גלויבונגען און פון אַלע ענגאָאיזמען, דעם אינטעלעקטועלן בתוכם, וואָרעם זיי פירן אַלע צו אַ גייסטיקן דלות, צו פאַרגליווערטקייט און צו איינגעשרומפּנקייט.

און ער רופט אויס: ליבשאַפט, ווען וועט שוין דער פלאַם דיינער צעשטערן אַלע אָרטאָדאָקסיעס?

*) האַן רינגער: „סוביעקטיוויזם".

**) האַן רינגער: דער בין השמשות פון ביאָס.

די פאַרטיידיקונג און רעהאַביליטאַציע פון די גרויסע גייסטער פון דער מענטשהייט

אויף פּראָמאָטעוסן האָט מען קיין רחמנות נישט געהאַט.
פּראָמאָטעוס האָט געהאַט רחמנות אויף די שטערבלעכע.
עסכילאָס : „דער געשמידטער פּראָמאָטעוס".

איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל איז דער וועג פון מענטש. די, וואָס האָבן, דורך דער געדיכטעניש פון נעפּל, דערזען דאָס העלע צויבערליכט, וואָס ליגט צעשיינט איבער די הויכע באַרגשפּיצן, ווערן געקרייציקט פאַר אָנזאָגן די גוטע בשורה די מענטשן. זיי ווערן טאָפּלט געקרייציקט: צו ערשט קרייציקט מען זייער גוף, און דערנאָך זייערע לעבעדיקע, קוואַליקע געדאַנקען, וואָס ווערן, נאָך דער פיזישער קרייציקונג פון זייערע באַשאַפער און אָנזאָגער, דעפאָרמירט, צעדרייט, געפאַלשט, צוגעפּאַסט און צוגעצוניצט צום אָפיציעלן געדאַנק. זיי, די מאַרטירער, די קדושים, די ליכטצינדער, די טרעגער פון אויפלויכטנדיקע, מענטש־באַפרייערישע אידעען און געדאַנקען, ווערן, אחר המעשה, רעהאַביליטירט און אַנעקסירט מצד די פון וועלכע זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין כלערליי נגישות און מיתות. ווען זייער געדאַנק, זייער אמתער מ׳ין, איז נישט מער צו דערקענען, ווערן זיי דערנאָך אַריינגענומען אין די אָפיציעלע פּאַנטעאָנען. אַזוי טאָן זיי תמיד, די אַלע „אָפיציעלע", די הערשנדיקע, די מאַכטיקע פון איין טאָג: ווען זיי דערזען, אַז אַן אידיי, אַ געדאַנק, הייבט־אָן האָבן הצלחה, הייבט־אָן אַריינדרינגען אין די מוחות, אין די הערצער פון די מענטשן, נעמען זיי זיי אַרונטער אונטער זייערע שווערע, האַמעטנע, אָפיציעלע פליגל. און אַז די אַנעקסיע פון די אמת גרויסע, פון די נישט־קאָמפּראָמיסלער, גיט זיך נישט איין, באַנוצט מען זיך מיט די גוטע, אויסגעפּרוווטע מיטלען: מיט בלבולים און מיט מאַכן צו שפּאָט און צו שאַנד. וואָס האָט מען געמאַכט מיט די ווערטער „סאָפיסט" און „ציניקער"? צי האָבן זיי עס אויך נישט געטאָן אַזוי מיטן סאָציאַליזם? געזען, אַז די דאָזיקע אידיי פון מענטש־ און וועלט־אויסלייזונג האָט דערפאָלג, האָט צעוואַרעמט הערצער, צעבענקט און צעגליט מענטשישע אויגן, האָבן זיך די טמאים צוגעכאַפּט צו איר. צוגעגעבן עפּעס אַן אַדיעקטיוו און אויך „סאָציאַליסטן".

***

ס׳איז דאָ נאָך אַ מיטל, וואָס באַשטייט אין אַ קאָנספּיראַציע פון שווייגן לגבי אַן אומאָפּהענגיקן, גרויסן און פרייען גייסט, אַזוי ווי ער,

דער פרייער גייסט, וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט. און אַזוי איז טאַקע אויך געשען מיט אים, האַן רינערן גופא: אחוץ אין די פריהייטלעבע קרייזן, בפרט פון די לאַטיינישע לענדער, איז דער דאָזיקער גרויסער שרייבער און חכם אַדורך ווי כמעט נישט באַמערקט, דער, וועמען אַ באַגייסטערטע יוגנט האָט, אין יאָר 1912, געקריינט, בעת אַן אַנקעטע פון אַ טעגלעכער פראַנצויזישער צייטונג, ווי „דער פרינץ פון דער פילאָזאָפישער דערציי־לונג".

***

פון די גרויסע גייסטער פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט האָבן גאָר באַזונדער געצויגן דעם אויפמערק פון האַן רינערן סאָקראַטעס און דער נוצרי, וואָסביידע זיינען זיי געקומען ווי אויפוועקער און באַפרייער פון מענטשישן שכל און פון מענטשישן האַרץ. ביידע זיינען זיי אומ־געקומען טראַגיש, איינעם האָט מען געגעבן אויסצוטרינקען אַ בעכער מיט סם און דעם צווייטן האָט מען צוגענאָגלט צו אַ צלם.

דעם משפט איבער זיי האָלט האַן רינער פאַר איינעם פון די באַ־רימסטע עפּיזאָדן פון אומאויפהערליכן געראַנגל צווישן דעם יחידישן גע־וויסן און דעם ערום. סאָקראַטעס, דער ערשטער קרבן, האָט די מענטשן נישט געלערנט קיין אויסערלעכן אמת. ער האָט זיי געלערנט צו געפינען דעם אמת ביי זיך גופא. און דער נוצרי, דער צווייטער קרבן, האָט ארומ־געוואָגלט און געלערנט די מענטשן „יענע גרויסע זאַכן, וואָס לאָזן זיך פאַרשטיין מיטן האַרץ".

***

איטלעכער גרויסער, יחידישער קדוש פאַרמאָגט אייפריקע תלמידים, וואָס זייער עובדא באַשטייט אין צוכאַפּן דעם קדוש פאַרן צבור. אַזאַ תלמיד, האַלט האַן רינער, איז געווען פּלאַטאָן.

— „פּלאַטאָן", רופט ער אויס, דער לעגיסלאַטאָר, וועלכער עצהט די מלוכה־לייט זיך צו באַנוצן מיט שקר, מיט כיטרעקייט, האָט די העזה, אין דער גאָרער לענג פון זיין שקר, וואָס הייסט „קריטאָן", אַריינצולייגן אין מויל פון זיין לערער סאָקראַטעס, דעם בפרושן שונא פון די געשרי־בענע געזעצן, אַ לירישע אַפּאָלאָגעטיק פאַרן אַטענישן קאָדעקס. דער סאָ־קראַטישער געדאַנק, זאָגט ער, איז גאָר באַזונדער געפעלשט אין די „דיאַ־לאָגן" פון קסענאָפאָן און אים, פּלאַטאָן. זייער סאָקראַטעס איז געווען נישט קיין קעגנער פון אַריסטאָפאַנען, נייערט אַ פריינד און אין זיין „באַנקעט" מאַכט פּלאַטאָן פון די דאָזיקע צוויי קעגנער צוויי פריינד. נישט קריטאָן האָט געגרייט דאָס אַנטלויפן פון סאָקראַטעסן און זיך גע־מיט אים צו געווינען פאַר זיין פּלאַן, נייערט עסכין, פאַרזיכערט אונדז

האַן רינער. נאָר אַזוי ווי עסכין איז געווען אָבער אַ פריינד פון אַריסטיפּן, וואָס פּלאַטאָן האָט געהאַט פיינד, קווענקלט זיך פּלאַטאָן אפילו נישט אוועקצונעמען ביי אים זיין רום און מיט אים קריינען עמיצן, וואָס ער האָט ליב געהאַט. און האַן רינער דערמאַנט אונדז די ווערטער, וואָס סאָקראַטעס האָט געלאָזט פאַלן וועגן זיין תלמיד פּלאַטאָן: „וויפל זאַכן דער יונגערמאַן האָט מיך געמאַכט זאָגן, זאַכן, וועגן וועלכע איך האָב לחלוטין נישט געטראַכט".

„און וויפל, זאָגט האַן רינער, האָט פּלאַטאָן נאָך פרייער געקענט דערפאַרמירן סאָקראַטעסן ערשט נאָך זיין טויט. פּלאַטאָן איז אין זיין „רעפּובליק" פּעדאַגאָגיש, ער איז פרייהייטלעך. דערפאַר איז ער אָבער אין זיינע „געזעצן" שינאהדיק לגבי אַ יעדער פרייהייט. ער איז מקריב דעם יחיד, די איינציקע ווירקלעכקייט, צום שיינדל, וואָס רופט זיך „פּאַטערלאַנד". ער האָט, דערקלערט ער, פאַרשטאַנען סאָקראַטעסן ווי אַ פרעמיער פּלאַטאָן *)".

**
*

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פּלאַטאָן שאַפט אָפּ די אומאָפּהענגיקייט פון דער מוזיק און פאַרווערט די קינסטלער צו ווייזן פריוואַטע מענטשן זייערע קונסטווערק, איידער זיי זיינען נישט פריער אַדורך אַ צענזור און זיי, די היטער פונעם געזעץ, האָבן נישט געגעבן זייער הסכמה.

דער זוכער פון אמת, דער פרייער גייסט האַן רינער, האָט גענומען אויף זיך די אידעלע עובדא צו ווייזן זיי, די גייסטיקע גיבורים, אין זייער אמתן ליכט, אַזוי ווי ער וואָלט זיי, די ליכטצינדער פון דער מענטשהייט, וואָס זיינען אומגעקומען פאַרן אמת, געווען שולדיק אַ חוב, וואָס ער מוז באַצאָלן.

**
*

אין זיין ווערק: „די אמתע רייד פון סאָקראַטעסן", ווייזט ער אונדז אַ סאָקראַטעס, וועלכער איז אַ שונא פון אַלע געשריבענע געזעצן. און אין זיין „פינפטע עוואַנגעליע" ווייזט ער אונדז דעם, וואָס האָט געזאָגט צו די מענטשן, אַז זיי וועלן נישט אריין אין מלכות השמים, אויב זייער גערעכטיקייט וועט נישט זיין העכער פון דער גערעכטיקייט פון די סופרים און פּרושים, דעם נוצרי.

אין אַנדערע ווערק טרעט ער אַרויס ווי אַ מליץ יושר פון די פילאָזאָפיעס פון די ציניקער און עפּיקורייער. ער וויל זיי רעהאַביליטירן פאַר אונדז.

---

*) האַן רינער: „די חכמה, וואָס לאַכט".

זיי, די ציניקער, האָבן אָנגעוויזן די מענטשן אויף דעם גרויסן חילוק צווישן דעם ציווילן פאַרדינסט און דעם עטישן. און די עפּיקורייער האָבן געלערנט די מענטשן ווי דער גייסט זייערער ווערט אַרומגענומען מיט אַ שיינער, פרייִדיקער אַקטיווקייט, דעמאָלט נאָר ווען דער חומר האָט באַקומען די גרינגע באַפרידיקונג, וואָס ער פאַרלאַנגט פון אונדז.

אין זיין „פּאָטער דיאָגענעס" מאָלט אונדז האַן רינער אויף אַ מייסטערהאַפטיקן אופן אַ ציניקער פאַר וועלכן עס עקזיסטירט בלויז איין רעגירונג און וואָס פאַרדינט, אַז מיר זאָלן זי באַוווּנדערן: דער קאָסמאָס. פאַר אַלע אַנדערע רעגירונגען האָט דער ציניקער נישט מער ווי ביטול און שפּאָט. די געדאַנקען, וואָס ווערן דאָרטן אַרויסגעזאָגט, קענען ווערן גענומען Sub speciae eternitatis. אַ דיאָגענעס, וואָס איז גילטיק און קען זיך אַריינפּאַסן אין אַלע צייטן: ער איז אַ „נישט־געזעצלעך" קינד, וואָס מען האָט געפונען אונטערגעוואָרפן ערגעץ אונטער אַ בוים. דאָס קינד וואַקסט אויף, ווערט עולה לגדולה, אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר. צו זיינע לעקציעס קומט די סאַמע „סמעטענע" פון דער „געזעלשאַפט", די סנאָבן. די פּרעסע איז מיט אים פול. און מיט אַ מאָל אַזאַ סקאַנדאַל: דיאָגענעס האַלט אַ „צינישע דרשה" פאַר געאַכפּערטן פּובליקום. די, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין איין לויבן און אין איין זינגען שבחים פאַר אים, זעען ביי אים שוין בלויז חטאים. ער פאַרלאָזט די „געזעלשאַפט" מיט אירע כיבודים. ער ווערט, מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, אַ וואָגלער. אויף זיין וואָגלדיקער עקזיסטענץ פירט ער וויכוחים מיט די מענטשן. אומעטום ווערט ער פאַרהאַלטן, פאַר־שפּאַרט מצד „די היטער פון אָרדענונג", וועמען ער פאַרשאַפט אַ היפּש ביסל קלאָפּאָט. אויף אַ קשיא ענטפערט ער זיי מיט אַ קשיא, פון וואָס זיי ווערן געפּלעפט. אַלעמען קומט ער פאַר אַזוי מאָדנע. צום סוף שטאַרבט ער, דער וואָגלער־פילאָזאָף, נע ונד. אַ שטעטלדיקער גלח געפינט ביים טויטן וואָגלער אַ פאַרצייכעניש מיט רמזים. און ער און די אַרומיקע הייבן אָן פילן, אַז דער דאָזיקער „שלעפּער" איז געווען עפּעס נישט קיין געוויינט־לעכער שלעפּער.

***

אין זיין ביז גאָר שיינעם ווערק „דער זון פון שטילקייט" האָבן מיר אַ הערלעך בילד פון דער פּיטאַגאָרעישער שול, פון פּיטאַגאָר מיט זיינע תלמידים. אַזאַ רירנדיקע, אַזאַ אַדורכנעמענדיקע וואָלדיקע שטילקייט איז אויסגעגאָסן איבערן דאָזיקן גאַנצן ווערק, אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך געפונען ערגעץ אין אַ רואיקן, סודותפולן וואַלד, וווּ דיביימער באַוועגן זיך מיט אַ מילדן, שטיל־וויגנדיקן ריטם.

אין „פאַרברעך צו געהאָרכן" שילדערט ער אונדז אַ יונג אויפגעוואַקסט

געוויסן אין אַ שווערן, עקשנותדיקן געראַנגל מיט אַלע דריקנדיקע כוחות. אַ געראַנגל פאַר דעם רעכט פון יחיד און זיין געוויסן.

אין „חריפותדיקן הידאַלגאָ מיגועל סערוואַנטעס" גיט אונדז האַן רי־נער אַ שילדערונג פון שפּאַניע פון דער צייט פון דער אינקוויזיציע. אַ שפּאַניע, וואָס איז פול מיט פּחד, מיט מורא פאַר דער נשמה, פאַרן גייסט און פאַרן קערפּער. שוואַרצער שאָטן לויערט פון אומעטום. גלעקער־קלינג. אין דער דאָזיקער וואַנזיניקער אַטמאָספער רייסט זיך אַדורך דער פרייער, שטאָלצער גייסט פון שאַרפזיניקן הידאַלגאָ מיגועל סערוואַנטעס.

האַן רינער מאָלט אונדז די אָדיסעי פון זיין לעבן, די מוראַדיקע מאַ־טעריעלע נויט, וואָס איז געווען חבר מיטן דיכטערס שטוב, און ווי זיי, די „הייליקע מענער פון דער אינקוויזיציע", פלעגן פון צייט צו צייט געבן צו אים אַ בליק אריין.

מייסטערהאַפטיק איז געשילדערט דאָס קאַפּיטל, ווו דער דיכטער פאַר־לאָזט די פּאַרוואַנזיניקטע שטאָט מאַדריד אין אַ טאָג, בעת וועלכן מען האָט זיך געגרייט צו אַ נייעם שייטערהויפן. זייענדיק הינטער דער שטאָט אָטעמט ער אָפּ פריי. דער הימל ווערט ליכטיקער, די זון הייבט אָן העלער צו שיינען. און דער דיכטער רופט אויס הויך אין דער פרייער לאַנדשאַפט:

— „נישט דורך שווערד און נישט דורך מאַרטירעריי, נאָר אפשר דורך געלעכטער. מיין „דאָן קיכאָט", זאָגט ער, פאַרמאָגט פאַר די קינדער אַ סך פון נאַיוון געלעכטער. ווען דאָס קינד וועט אויסוואַקסן אַ מענטש, וועט דאָס געלעכטער וואַקסן אין איינעם מיט אים. דאָס געלעכטער זיינס וועט אויסברעכן מאַכטיק ווי אַ שטורעם פון געדאַנק. וויפל אָנשיקענישן, וויפל מגפות וועט אָפּווישן דעמאָלט דער שטורעם פון געלעכטער, וואָס טראַכט. און ווי לייכט וועט גאָר זיין פאַר אים, איר גלחים, איר קליינע און גרויסע פון דער ערד, געמיינקייט פון די מלכים, שקר פון די פּריסטער".

***

זאָל נאָך דערמאַנט ווערן דער ביז גאָר פּאָעטישער ראָמאַן „די איבער־מענטשן" (נישט אין ניטשעס זין). אַ רירנדיק געזאַנג פאַר מענטשישער התרוממות, פאַר אינעווייניקער אויסגעגליטערטקייט, שינאה צווישן מענטש און מענטש איז באַזינגט אין הערצער באַפרייטע:

— „די ליבשאַפט האָט אונדז געגעבן פליגל. די צאַפּלדיקע ליבשאַפט נעמט־אָן אַלע פאָרעמען פון שיינקייט. אַ לויב צו דער חכמה, וואָס איז דער וועג צו ליבשאַפט, און שימחהדיקער לויב דער ליבשאַפט, דעם באַרג־שפּיץ פון דער חכמה".

יחידישקייט

אין די טיפענישן זיינע טראָגט מיט זיך אַ יעדער מענטש אַ פאַרבאָרגענע, וואונדערלעכע וועלט און דער מענטש דאַרף שטרעבן זיך צו באַקענען מיט דער דאָזיקער וועלט, בכדי זיך צו קענען פאַרווירקלעכן, בכדי צו קענען שטראַלן אין איינעם מיט אַנדערע פון פאַרבאָרגעניש אַרויסגענומענע, רעאַליזירטע וועלטן. מיט איין וואָרט: מען דאַרף שטרעבן זיך צו קענען.

***

דאָס שטיצן זיך אויפן מענטש, אויפן יחיד, ווי אויף אַ באַזונדערע וועלט, פירט האַן רינערן גלייך צום אינדיווידואַליזם, צו יחידישקייט. דאָס איז אַ יחידישקייט, וואָס האָט אָבער גאָרנישט צו טאָן מיטן פּרייסישן, אויף אַלעם טרעטנדיקן און אַלץ צעשטערנדיקן אינדיווידואַליזם פון אַ פרידריך ניטשע, אָדער אַ האָבס, וועלכע געפינען גאָרנישט אַזוי נאַטירלעך, אוניווערסאַלער און טיפער אין דער נאַטור, ווי דאָס באַדערפעניש צו רעגירן, צו הערשן.

פּראָקלאַמירט דאָך ניטשע הויך און אָן בושה די נישט־גלייכקייט פון די מענטשן. ער האַלט זי גאָר נישט פאַר אַ קללה, נייערט גאָר פאַר אַ ברכה און וויל זי נישט פאַרמינערן, נייערט דווקא פאַרמערן. און ווען ער טראַכט וועגן אַ נייעם סדר, — בינדט ער אים תיכף צונויף מיט אַ נייער עבדות. זי איז אים נייטיק פאַר דער עליה, פאַר דער שטאַרקונג פון טיפּ מענטש. קיין אַנדערן אופן זעט ער נישט. דער דאָזיקער משונהדיקער, אַנטי־סאָציאַלער אינדיווידואַליזם, איז פרעמד דעם איידעלן הומאַניסט האַן רינער. זיין, האַן רינערס אינדיווידואַליזם, איז אַ טיף סאָציאַלער, אַ טיף מענטשישער, אַ טיף עטישער, פול מיט זאָרגעוודיקער אחריות פאַרן מענטש, פאַרן עתיד. אַן אינדיווידואַליזם, וואָס שטרעבט כסדר זיך אינעווייניק אַלץ מער און מער צו באַרייכערן, צו פאַרשענערן און צו פאַרטיפן, בכדי צו זיין מסוגל צו געבן דער וועלט, די מענטשן, אַלץ מער און מער. האַן רינער, דער גרויסער הומאַניסט, באַציט זיך צו דעם ביז גאָר פשוטן, עלעמענטאַרן לעבן מיט דרך־ארץ, מיט אַ יראת־הכבוד, און ער רופט אוים:

— „ווער עס האָט נישט קיין דרך־ארץ פאַר אַנדערע אינדיווידן, דעם האַלט איך נישט פאַר קיין אינדיווידואַליסט".

דעם ניטשע'שן אינדיווידואַליזם פון „ווילן צו מאַכט", מיט זיין טאָפּלטער מאָראַל פון הערן און שקלאַפן, שטעלט ער אַקעגן אַן אינדיווידואַליזם פון אַ „ווילן צו האַרמאָניע", צו שלימות. ער וואַרפט אָפּ די עטיק פון דאָמיניזם, פון הערשעריי, און אויך די עטיק פון סערוויליזם, פון דינעריי

און שטעלט זיי אקעגן די עטיק פון פראטערניזם, פון ברידערישקייט און אחדות צווישן אלע מענטשן.

האן רינער דערמאנט פיר מינים אינדיווידואליזמען:

א) דעם אינדיווידואליזם, וואס מיר טרעפן ביי עפיקורן. לויט אים זיינען די תענוגים פון חומר די סאמע ערשטע. ווארעם די חדווה פונעם גייסט קען ערשט דעמאלט קומען, ווען דער חומר האט באקומען זיינס.

ב) דער אינדיווידואליזם פונעם שכל, וואס מיר געפינען אים ביי די סטאיקער. אבער זיי, די גרויסע סטאיקער, ווי צענאן, קלעאנט און עפיקטעט האבן גארנישט געהאט קעגן דעם, אז מיר זאלן אויך פאלגן אונדזערע אינסטינקטן, אונדזער הארץ, אויף ווי ווייט זיי שטערן נאר נישט דעם שכל, הגם זיי האבן געלייגט דעם טראפ אויפן. שכל.

ג) דער אינדיווידואליזם פון די, וואס ווילן נאכגיין דעם עלאן פון זייער הארץ, די טאלסטאיאנער למשל. אבער אויך טאלסטאי ווארפט נישט אפ דעם שכל. ער גייט מיט דעם געפיל ביי אים אין איינעם.

ד) דער אינדיווידואליזם פון ניטשעס „ווילן צו מאכט".

וואס שייך דעם לעצטן, דעם, אזוי צו זאגן נישט־געלייטערטן פרימי־טיוון אינדיווידואליזם פון ניטשען, רופט אויס האן רינער:

— „דער אינדיווידואליזם פון ווילן צו מאכט, צו הערשאפט", — א טעות, אויב ער דארף ווערן אנגעווענדט ברוטאליש קעגן אנדערע מענטשן. אן אמת, אויב דאס איז איך אליין, וואס דער רצון זיינער איז מיך אליין צו באהערשן".

דער מילדער חכם געפינט אבער באלד א שטיקל זכות פאר ניטשען, זאגנדיק:

— „ווער ווייסט צי ער, ניטשע, וואלט נישט געווען פונאנדערגע־וויקלט ווייטער זיין אינדיווידואליזם, ווען ער וואלט נישט געשטארבן אין עלטער פון 35 יאר מיט א פארנעפלטן מוח. ווער ווייסט צי ער וואלט נישט געווען דערגאנגען צו די הויכע בארגשפיצן, וואס זיינען באוווינט פון אן עפיקור, אדער פון אן עפיקטעט. ווען עפיקטעט וואלט געשטארבן, ווי ניטשע, יונג און זיין מוח וואלט, ווי ביי אים געווארן פארנעפלט, צי וואלט ער אויך געווען געקומען דורכן שכל צום אמת פון הארץ"?

ירושלים, אטען און רוים

האן רינער האט אין זיינע ווערק, און אפט מאל אין זיינע עפנטלעכע ארויסטריטן אנגעוויזן אויף דריי שטראמען, וואס זיינען, אריין אין דער גייסטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט:

א) דער שטראם, וואס האט מאכטיק געבלאזן פון ירושלים מיט זיין

רוף נאָך יושר און צדק און דער האַרמאָניש־ריטמישער שטראָם, וואָס האָט געשטראָמט פון אַטען: די שיינקייט.

א דריטער שטראָם האָט זיך געריסן פון רוים: דער דין און זיין באַגלייטער: דער בלינדער, פיזישער כוח.

ירושלים און אַטען, די גערעכטיקייט און די שיינקייט, וועלן תמיד קענען גיין, ווי צוויי ליבלעכע שוועסטער, געאָרעמט, האַנט ביי האַנט. מיט רוים קיין מאָל נישט.

***

אין זיין ווערק „דער לעצטער אויפטויך פון אהאַסווער" האָבן מיר ירושלימס אומרואיקן רוף נאָך יושר. פאַרן דאָזיקן אייביקן וואָגלער־ייד איז נישטאָ קיין שום אָפּשטעל, קיין שום מנוחה. ער וואָגלט איבער בערג, איבער ימים און מדבריות, פון איין עק וועלט צום צווייטן, ווי ער וואָלט געטראָגן געוואָרן פון עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכן כוח. ער איז פול מיט אומרו, און ווו ער באַווייזט זיך — פאָדערט ער אומעטום יושר, דער וואָגלער־ייד. אָלעמען ווייזט ער אָן אויף די באַגאַנגענע עוולות, אויף די באַגאַנגענע זינד. ער איז האַרט פאַר עוולות און מילד פאַר גערעכטיקייט. אָט זעען מיר אים, דעם וואָגלער, ביים רוימישן קיסר מאַרקוס אורעליוס, איידער דער לעצטער שטאַרבט. ער האָט צו אים טענות וואָס זייענדיק א סטאָיקער, א פילאָזאָף, איז ער גאָר געוואָרן קיסר פון רוים, געוועלטיקט און געהערשט איבער מענטשן, געפירט מלחמות.

און אָט זעען מיר אים ווידער ביים פראַנצויזישן פילאָזאָף מישעל מאָנטעין אין שטוב, איידער עס הערט אויך צו שלאָגן דער לעצטער אַקאָרד פון פילאָזאָפס לעבן. דער ייד זאָגט אים מוסר הלמאי, ער מאָנטעין, שטייענדיק ווי א בירגערמייסטער בראש פון דער שטאָט באָרדאָ, האָט ער זי פאַרלאָזט. זי און די מענטשן איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט, ווען דאָרטן האָט געבושעוועט א מגפה. א שטיקל זכות געפינט ער אָבער ביי אים פאַר זיין איבערגעגעבענער פריינדשאַפט צו עטיען דע־לאַ־באָעסי, דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם מחבר פון „פרייוויליקער עבדות".

פאַר אים, עטיען דע־לאַ־באָעסי, איז אהאַסווער, דער וואָגלענדיקער ייד, פול מיט שבחים פאַר דער נאָבלקייט פון זיין לעבן. ער קומט צו אים צו לויפן, איידער יענער שטאַרבט מיט א ברכה אויף זיינע ליפּן.

ירושלים און אַטען. גערעכטיקייט און שיינקייט! צי איז בכלל דאָ א צווישנשייד פון א נוצרי און אַן עפּיקוער? אָט שטייט ער, האַן רינער, א קווענקלדיקער פאַר ביידע, פאַר יענער „נוצרישער מילדער שטאַנדהאַפטי־קייט און דער עפּיקטעטישער שטאַנדהאַפטיקער מילדקייט", און גערירט רופט ער אויס:

— „אָ, פרייד! אפשר בין איך גאָרנישט געצוווּנגען אויסצוקלייבן?

און פאַרוואָס נישט אויפנעמען גאָר די ביידע נאָבלקייטן אין אַן איבערגע־פולט האַרץ?"

און עס דוכט זיך אים, אַז: די שטים פון ירושלים און די שטים פון אַטען מישן זיך האַרמאָניש צונויף, אַז די וואַסערן פון רעכטן ברעג זינגען דאָס זעלביקע געזאַנג, וואָס די וואַסערן פון לינקן ברעג, מיטן זעלביקן איידעלן ריטם. וואָרעם פונקט ווי עפּיקטעט וויל אויך דער צוויי־טער אים זען פריי, אומאָפּהענגיק. ביידע לערנען אים פאַראַכטן די אָפּ־געטער, די צעזאָרן און די גבירים מיט זייערע דינער פון פּריסטער און גע־זעץ־מאַכער. ביידע לערנען נישט מער צו פאָלגן מענטשן, נייערט אַ פּאַ־טערישן גאָט, וואָס ער אַנטדעקט אין זיך, און וואָס מישט זיך צונויף מיט זיין געוויסן.

אַ טיפע ברודערישקייט צום מענטש פאַראייניקט זיי ביידע, דעם נוצרי און עפּיקטעט. איינער זאָגט צום מענטש „ואהבת", דו זאָלסט ליבן. דער אַנדערער עצהט גיכער: „דערקען זיך אַליין, זיי אַ פרייער מענטש, רעאַ־ליזיר דיין האַרמאָניע". און סיי פון דאָ, סיי פון דאָרטן, ווערט דאָס האַרץ און דער גייסט באַפרידיקט.

— „מיך אינגאַנצן געבן, לויטן נוצרי, זאָגט ווייטער האַן רינער, איז עס נישט אַ וווּנדערלעך מיטל מיך צו שאַפן? און מיך צו קענען, מיך רעאַליזירן, לויט עפּקטעטן, וואָס אַ מאָל מער און מער, הייסט דאָך געבן בעסער, מער, געבן אַ באַשעפעניש מיט מער ריינקייט און מער התּ־להבות" *).

ריידנדיק וועגן מיזרח און זיינע אמונות, דריקט זיך אויס דער מחבר פון די „ציניש משלים" בזה הלשון אין זיין בוך „די קריסטן און די פּי־לאָזאָפן":

— „זיי, די אמונות פון אַזיע, זיינען פאַרעמלאָז, כאַאָטיש, געוואַל־טיק, סודותדיק, ווי אַ נישט־געאייניקטער אָקעאַן. זיי באַשטעטיקן גלייכ־צייטיק זאַכן, וואָס זיינען זיך סותר איינס אַנדערע און אפשר אויך אמת צוגלייך. זיי זיינען וווּנדערלעך רייך און שלעכט דעפינירט".

נישט געקוקט אָבער אויף דעם, איז פאַר אים „אַ מיזרחדיק וואָרט" אַ פאַרפיום, וואָס ער האָט ליב, הגם די האַנט קען עס נישט באַרירן און דאָס אויג נישט באַמערקן.

און ער, האַן רינער, ווייזט אונדז ווי די העלענישע לערעס פאַרשליסן זיך נישט פאַר די מיזרחדיקע אין פּרט פון מעדיטאַציע. זיי ווינקען צו זיך זיך צו קומען דערגאַנצן.

ריידנדיק וועגן נוצרישן אימפּעראַטיוו „ואהבת" און דעם עפּיקטע־

*) האַן רינער: „די חכמה, וואָס לאַכט".

טישן „קען זיך אַליין”, פילט מען אָבער ווי האַן רינער גיט די בכורה דעם גניאַלן עפּיקטעט, דעם „קען זיך אַליין”.

דער נוצרי קומט אים פאָר, „אפשר מחמת דער ספּאָנטאַנישער חכ־מה”, — אַ שלעכטער לערער פון חכמה. און וואָס מער ער טראַכט וועגן דעם, אַלץ מער געפינט ער אויס פאַר געפערלעך אַ צו גרויסע איילעניש צו געבן.

און דער אחריותפולער דענקער און קינסטלער זאָגט אייך באַלד די סיבה פאַר וואָס ער טראַכט אַזוי:

— „ווי קען איך מער געבן ווי אַ בלינד באַשעפעניש, וועמענס אומ־געשיקטע טאַפּן אין דער פינצטערניש ריזיקירט צו טאָן שלעכטס, ווילנ־דיק טאָן גוטס”.

די מאָדערנע ציוויליזאַציע

אַ וויסנשאַפטלעכע, אָבער נישט קיין מענטשלעכע ציוויל־זאַציע.

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע.

און ווי אַזוי באַציט זיך האַן רינער צו אונדזער אַזוי־גערופענער מאָ־דערנער ציוויליזאַציע, ווי איז זיין שטעלונג צו איר?

אין איינעם מיט אַ מאַהאַטמאַ גאַנדי און אַ ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, זיינע גייסטיקע ברידער, טרעט דער חכם האַן רינער אַרויס מיט אַ ביטערן אָנקלאַג קעגן איר. אַ ציוויליזאַציע, וואָס צעטרעט און צעקרישלט, אַ צי־וויליזאַציע, וואָס מעכאַניזירט אַלץ. מאַכט שווערער דאָס לעבן פון די מענטשן. די דאָזיקע מעכאַניזירטע, מאָדערנע ציוויליזאַציע שאַקירט האַן רינערן, דעם מענטש פון שכל און דעם מענטש פון הארץ, דעם הומאַניסט. זי שאָקירט אויך נישט ווינציקער האַן רינערן, דעם מענטש פון שיינקייט, פון האַרמאָנישקייט און שלימות.

— „דער חכם, זאָגט ער, קוקט זיך צו ווי די מאַטעריעלע פּאָרשריטן האָבן פאַר אַ ציל צו פאַרמערן קינצלעכע באַדערפענישן פון די, און די האַרעוואַניע פון די אַנדערע”.

דער מאַטעריעלער פּאָרשריט קומט אים פאָר ווי „אַ שווערע משא, וואָס שטויסט די מענטשהייט, וואָס אַ מאָל טיפער, צו אַ תהום פון מי און פון בלאָטע”.

**
*

דאָס אויסגעפינען פון די מאַשינען, זאָגט דער מחבר פון „טורעם פון די פעלקער", האָט פאַרשווערט די אַרבעט, זי געמאַכט פיינלעכער און ווינציקער האַרמאָניש. דער פרייער איניציאַטיוו איז פאַרטראָטן דורך אַ מוראַדיקער קנעכטישער פּרעציזיע. דער אַרבעטער, אַ מאָל אַ שמייכלדיקער האַר איבער זיינע מכשירים, איז איצט אַ ציטערנדיקער עבד פון דער מאַשין *).

דעם הומאַניסט אינטערעסירט דער עיקר די מאָראַלישע זייט פון דער מטבע.

צי איז ער אומגערעכט, דער חכם, מיט זיינע טענות, מיט די ביטערע ווערטער, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן? ווער קען עס, אין אַנבליק פון דעם, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן, באַשטרייטן? ווער וועט זיך אַרויסשטעלן פאַרן מליץ-יושר פון אַ ציוויליזאַציע, וואָס מאַכט דעם מענטש פאַר אוים מענטש?

אויב די מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט מיט זיך געבראַכט אַ געוויסן מאַטעריעלן קאָמפאָרט, אַ וועלכע באַקוועמלעכקייט, און געקענט אַ ביסל באַפרייען די הענט, האָט זי אָבער דערפאַר אַ היפּש ביסל פאַרשקלאַפט די מוחות און אויסגעטרוקנט די הערצער...

זי האָט היינט צו טאָג פאַרמערט און פאַרשטאַרקט דעם אַנפיר-אַפּאַראַט, די אַדמיניסטראַציע, און פאַרגרעסערט אַ סך די הערשער-אַפּעטיטן. דער מענטש, דער אויסגעפונער, דער שאַפער פון דער מאַשין, איז געוואָרן דער שקלאַף פון איר מינדסט שרייפּעלע.

וואָס שייך אים, וואָלט ער, האַן רינער, בלתי ספק, אוועקגעגעבן אונדזער היינטיקע מאָדערנע צייט פאַר יענע צייטן, ווען דער חכם, דער הייליקער, האָט, מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס און אַ שטעקן אין דער האַנט, געוואָגלט אַ פאַרטיפטער, איינער אַליין, איבער נאָך פרייע שטעגן און וועגן, און זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון זיין אייגענער נשמה, פון דער וועלט.

די מלוכה

עמנואל קאַנט האָט זיך אויסגעדרוקט, אַז כדי אַריינצוברענגען אַ שטיקל סדר אין אונדזער וועלט, וואָלט דאָס בעסטע געווען, ווען די מלכים זאָלן ווערן פילאָזאָפן, אָדער די פילאָזאָפן מלכים.

---

*) האַן רינער: אינדיווידואַליזם.

אַ זאַך, איראָניזירט האַן רינער, וואָס מען קען זיך גאָרנישט פאָר־שטעלן, און אויך גאָרנישט ווינטשן. אויב די געשיכטע פון דער מענטש־הייט, זאָגט ער, איז נישט אין שטאַנד אויפצווייזן אַ מלך, וואָס איז גע־וואָרן פילאָזאָף, ווייסט זי אָבער צו דערציילן פון אַ וועלכע פילאָזאָפן, וואָס זיינען געוואָרן מלכים. קיין גרויס נחת האָט זי פון זיי נישט צו דער־ציילן, ווייל וואָס איז פון זיי געוואָרן, פון די פילאָזאָפן, וואָס זיינען געוואָרן מלכים? ס'האָט, זאָגט אונדז דער מחבר פון „דער רויטער ספינקס", נישט לאַנג גענומען ווי די ממשלה זייערע האָט געמאַכט צו נישט זייער פילאָזאָפיע. זייענדיק אַ יורש־עצר, שרייבט פרידריך דער גרוי־סער מיט האַרבקייט זיין „אַנטי־מאַקיאַוועל". ווען ער ווערט אָבער אַליין אַ מלך, באַניצט ער זיך מיט מאַקיאַוועלס עצות נאָך אַ סך בעסער ווי די אַנדערע. ער אַליין ווערט, אַזוי צו זאָגן, אַ געקריינטער מאַקיאַוועל.

צי דאַרף מען נאָך האָבן אַן אַנדער משל? אָט, ווייזט אונדז האַן רינער אויף מאַרקוס אורעליוס. זעכצן הונדערט יאָר פאַר פרידריכן האָט ער, מיט אַ גוטן ווילן, זיך געמיט צו רעאַליזירן פּלאַטאָנס רעפּובליק. און וואָס איז געוואָרן שפּעטער פון דעם, וואָס האָט געחוזקט, אַז: „די שפּין גרויסט זיך וואָס זי האָט געפאַנגען אַ פליג. אַן אַנדערער — אַ העזעלע, און נאָך אַן אַנדערער — אַ סאַרדינקעלע, און גאָר אַן אַנדערער גרויסט זיך, אַז ער האָט געפאַנגען די סאַרמאַטן *). אין פּרינציפּ אָבער: אַלע רויבער".

זייענדיק קיסר, האָבנדיק מאַכט, לאַכט מאַרקוס אורעליוס פון די „שוואַכינקע פּאָליטיקער", וואָס פּרעטענדירן צו רעגולירן די עפנטלעכע ענינים לויט די פילאָזאָפישע פּרינציפּן.

און האַן רינער ווייזט אונדז ווי דער קיסר מאַרקוס אורעליוס האָט אָוועקגעהרגעט דעם פילאָזאָף מאַרקוס אורעליוס. דער דאָזיקער פילאָזאָף, וואָס איז געוואָרן קיסר פון רוים, איז באַגאַנגען נישט ווינציקער רשעות פון זיינע פאָרגייער. ער האָט גערודפט די קריסטן און געהרגעט די צאַר־טע בלאַנדינע, די מאַרטירערין פון ליאָן.

און דער סוף איז געווען: אַ מוראַדיקע, אינעווייניקע צעריסנקייט, אַ מרה שחורה, אַ פאַרצווייפלט רופן דעם טויט צו קומען אים אויסלייזן.

מען וואָלט דאָ געקענט נאָך צוגעבן דאָס, וואָס עס איז געוואָרן פון די נייע הערשער, וואָס זיינען געקומען „באַפרייען" די וועלט. מיט דעם חילוק, וואָס מיר זעען נישט ביי זיי, ווי ביים רוימישן קיסר, אַן אינע־ווייניקע צעריסנקייט צוליב זייערע מעשים...

און די דעמאָקראַטישע מלוכה? אויך פאַר איר פאַלט האַן רינער נישט קיין כורעים:

---

*) סאַרמאַטן: אַן אַמאָליקער שבט ביים באַלטישן ים.

— „פאַר וואָס, פרעגט ער, זאָל עפּעס דער־ווילן, וואָס ווערט אויס־געדרוקט מצד אַ העלפט פּלוס איינס פון די בירגער, זיין דער אויסדרוק פון אמת און פון ווילזיין? צי איז, פרעגט ער איראָניש, די חכמה טאַקע אַזוי איינפאַך, אַזוי פּשוט, אַז ס'איז גענוג צו ציילן די שטימען, בכדי צו פאַרנעמען איר שטים? אַ מעטאָד, וואָס דערדריקט די מיעוטים, צי דער־דריקט ער נישט די וועלט?".

די דעמאָקראַטישע מלוכה טענהט: „איך, די מלוכה, בין דער שליח פון פאָלק ביים פאָלק, פונקט, ווי אַ מאָל, די אַבסאָלוטיסטישע, איך בין דער באַפולמאַכטיקטער פונעם רבונו של עולם ביי די פעלקער. יאָ, דער שקר ניצט זיך אָפּ אויף זיינע דרכים, און מען מוז אים, פון צייט צו צייט, אַרויפליינן אַ נייע פאַר פאַרדעשוועס".

***

דער ציניקער חוזקט פון אַ יעדער מלוכהישקייט. נישט צו איר מאַיעסטעט, דער מלוכה, איז געווענדט זיין בליק, נייערט צום מענטש, צום לעבעדיקן מענטש.

דער מאָרגנער סאָלאַריאַט

אין איינעם מיט דער מלוכה, מיט אַלע אירע אינסטיטוציעס, וואַרפט־אָפּ אויך האַן רינער די מאָדערנע לוינשקלאַפעריי, דעם סאָלאַריאַט. „ווען די סטאָיקער, זאָגט ער, האָבן פאַר די אויגן פון די האַלבע געוויסנס פאַר־מיאוסט די שקלאַפעריי, האָט מען, בכדי צופרידן צו שטעלן די האַלבע געוויסנס, אויסגעפונען דאָס לייב־אייגנטום. היינט זיינען די האַלבע גע־וויסנס מלא שימחה וואָס מען האָט מבטל געמאַכט דאָס לייבאייגנטום און דער סאָלאַריאַט, די לוינשקלאַפעריי, הייסט אין זייער גאיוון לשון „פריי־הייט" *).

ער איז אויך נישט מילד לגבי דער מאָדערנער, דעמאָקראַטישער יוסטיץ (די נייע, די טאָטאַליטאַרע איז, ווען ער האָט דאָס געשריבן, נאָך נישט געווען).

— „פאַר צוויי הונדערט יאָר, חוזקט ער, וואָלט מען מיך געמישפּט און פאַרשפּאַרט אין נאָמען פונעם מלך. היינט פאַרשפּאַרט מען מיר אַזאַ בזיון. איך ווער געמשפּט אין נאָמען פון מיר אַליין. איך אַליין פאַראור־

*) האַן רינער: „סוביעקטיוויזם".

טייל זיך דורך די מענטשן, וועלכע דריקן אויס נישט עפּעס אַנדערש, ווי מיין אייגענעם, סוועוערענעם ווילן *).

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז אויך אַ שונא פון דער מלחמה, וואָס „פאַרטונקלט די נשמות און דעם חלל".

⁂

בעת דער ערשטער וועלט־שחיטה איז ער, אין איינעם מיט ראָמען ראָלאַן, מיטן פראַנצויזישן, היינט פאַרשטאָרבענעם, רעוואָלוציאָנערן דיכ־טער מאַרסעל מאַרטינע, שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן איר. זיך אָנגענומען פאַרן מענטש, פאַר די פעלקער, וואָס מען האָט געמאַכט פון זיי „רוצחים און מאַרטירער".

בכלל איז נישט געווען קיין איין גערעכטע זאַך, אַז דער דאָזיקער חכם, מיט די טיפע קלוגע און מילדע אויגן, מיטן געלייטערטן פנים, באַ־קריינט מיט אַ זילבערנער באָרד, זאָל נישט געווען לאָזן הערן זיין אייר־דעלע, פון עמאָציע ציטערנדיקע שטים. מען האָט דערפילט, אַז דאָ שטייט איינער פון די גערעכטע, פון די צדיקים.

דאָס אָנווענדן פון פיזישן כוח

דערפאַר איז דער הייליקער שאַרף — אָן צושניידן, גע־
רעכט — אָן צו זיין האַרט,
פול מיט ליכט — אָן צו בלענדן.
לאַאָסטע: „פון גייסט און זיין טוגנט").

האַן רינער איז אַ קעגנער פון פיזישן כוח. ער גלייבט נישט אין אים, הן ווען מען באַנוצט זיך מיט אים אינדיווידועל, הן קאָלעקטיוו.

— „ווען, זאָגט ער, ס'האָט זיך אַ מאָל יאָ שוין געקענט דאַכטן, אַז די רעוואָלוציאָנערע געוואַלט וועט יאָ האָבן הצלחה, איז זי אָבער באַ־גאַנגען דעם שטות אָקעגנצוגיין דער פרייהייט דורך די דרכים פון קנעכט־שאַפט. דער מיטל האָט געהרגעט דעם ציל **).

דאָס אויפוועקן פון דער אינעווייניקער וועלט

פונקט ווי טאָלסטאָי מיט וועלכן ער גייט זיך פונאַנדער אין טייל פונקטן, דערוואַרט אויך האַן רינער די אויסלייזונג פונעם מענטש דורכן

*) האַן רינער: „פּאָטער דיאָגענעס".
**) האַן רינער: „עליזיי רעקליו".

אויפוועקן פון זיין אינעווייניקער וועלט. פונקט ווי דער חכם, דער גאָט־זוכער פון יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ, האָט ער געהאַלטן, אַז מען מוז ראשית כל באַפרייען די מוחות פון די טעותים און די הערצער פון דער שווערער משא, וואָס האַלט זיי צוגעדעקט. און דאָס רעשט וועט שוין במילא קומען.

מיט דער גאָרער וואָרימקייט פון זיין האַרץ, מיט זיין געפיל פאַר יושר און מענטשישער חשיבות, האָט ער במשך פון זיין גאַנץ לעבן גענומען אַ לעבעדיקן אַנטייל, מיט זיין וואָרט און שריפט, אין דער אַרבעט פון דער פרייהייטלעך־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אין איינעם מיט עליזעי רעקליו, סעבאַסטיען פאָר און אַנדערע.

***

ווער פון די גרויסע, פון די אמתע רעוואָלוציאָנערן, האָט נישט טיף אין האַרצן געהאַסט דעם פיזישן כוח? ווי שטאַרק האָט זייער מענטשישער, עטישער אימפּעראַטיוו געליטן, ווען, געטריבן פון פאָלקס־צער, האָבן זיי זיך אַנטשלאָסן אויפצוהייבן אַ שטראָפערישע האַנט קעגן די, וואָס האָבן מיט די פיס געטרעטן דאָס פאָלק?

לאָמיר בלויז דערמאָנען די טיף מענטשישע, ווייטיקדיקע ווערטער פון אַ גריגאָרי גערשוני, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט פאַר זיינע ריכטער:

— „איין זאַך וועלן מיר אייך נישט מוחל זיין. נישט דאָס, וואָס איר פאַרגיסט אונדזער בלוט, נאָר וואָס איר צווינגט אונדז צו פאַרגיסן אייער בלוט".

און די רירנדיקע ווערטער, וואָס יעגאָר סאַזאָנאָוו האָט נאָכן אַטענטאַט איבער פלעווען געשריבן צו זיין פאָטער און מוטער:

— „איך בין באַגאַנגען די גרעסטע עבירה, וואָס אַ מענטש קען נאָר באַגיין. איך האָב זיך באַפלעקט מיט בלוט. צי בין איך באַשאַפן געוואָרן צו פאַרגיסן בלוט? אין מיינע יונגע חלומות האָב איך געשטרעבט צו פרידלעכער אַרבעט לטובת די אומגליקלעכע מענטשן. און דאָ האָט זיך פּלוצעם געשטעלט פאַר מיר אַ מוראדיקע אויפגאַבע און איך האָב זי נישט געקענט אַראָפּוואַרפן פון מיינע אַקסלען. איך האָב זי געמוזט אויספילן. נישט דער רום האָט אונדז געצויגן צו זיך. נאָך שווערע פיין און קאַמפן, בלויז אונטערן דרוק פון דער טרויעריקער נויטווענדיקייט, האָבן מיר גענומען די שווערד אין האַנט, וואָס נישט מיר האָבן זי אויפגעהויבן די ערשטע" *).

און האָן רינער פאַרשטייט זיי, און נישט זיי האַלט ער פאַר שולדיק. שולדיק איז תמיד דער באַדריקער, דער טיראַן.

*) ציטירט פון ד"ר י. נ. שטיינבערגס בוך „מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ".

אין זיין ווערק „דער רויטער ספינקס" שילדערט ער צוויי העלדן־אי־דעאַליסטן. איינער פון זיי, גיסטאַוו דע ריביע, האַלט זיך אָפּ פון אָנווענדן פיזישן כוח. דער צווייטער, סעבאַסטיען, זאָגט זיך נישט אָפּ פון אים אין גערא־נגל פאַר אויסלייזונג פון דער וועלט. ביידע העלדן זיינען פאַר האַן רינערן נאָבל, אידעאַליסטיש, הגם ער איז נוטה צום ערשטן העלד, צו זיין גיסטאַוו דע ריביע. „זייענדיק פאַרליבט אין הערויזם פון ליבשאַפט, אָדער פון חכמה, באַוואונדערט מיין אָרעם האַרץ די פּאַסיווע נצחונות פון די געקרייציקטע, פון די סם־אויסטרינקער". „מיט אַ ברעכנדיקן עקל אַנטלויפט האַן רינער פון די מיליטערישע פאַרמעסטונגען, וואָס פאַר־טונקלען דעם חלל און די נשמות".

די ראָל פונעם שרייבער

ער האָט געהאַלטן די ראָל פונעם שרייבער נישט ווי עפּעס אַ פּראָפ־פעסיע, וואָס דאַרף דעם שרייבער געבן חיונה, נייערט ווי אַן אויסדער־ווילטע הייליקע שליחות.

אין זיין ווערק „די פּראָסטיטוטן" טרעט ער אַרויס קעגן די, וואָס טרייבן מסחר מיט זייער פּען, קעגן די „מיזעראַבלע, וואָס פאַרקויפן דאָס, וואָס מען דאַרף אוועקגעבן מיט דעם עלאַן פון דער ליבשאַפט".

דער שרייבער, דער קינסטלער, דער געלערנטער, דאַרפן אין זייער שאַפן זיין פריי און אומאָפּהענגיק. נישט קיינעם חנפענען, נייערט נאָכגיין דעם אייגענעם געוויסן. און כדי צו זיין פריי און אומאָפּהענגיק אין זייער שאַפן איז נייטיק, אַז די מאַטעריעלע באַדערפענישן פון די גייסטיקע שאַ־פער זאָלן געשטילט ווערן דורך פיזישער אַרבעט.

קיין שום גייסטיקע אַרבעט, איז ער אונדז מבטיח, איז נישט ביכולת אַרויסצוברענגען קיין איין קערנדל שפּייז. און אַזוי ווי ער מוז עסן ווי אַ חיה, דאַרף ער ליפערן די אַרבעט פון אַן אַרבעטס חיה. נאָר זי אַליין איז מסוגל צו שפּייזן זיין גוף און דערמעגלעכן „דעם גאָט, וואָס וווינט אין אים, צו לעבן, צו טראַכטן און צו ליבן".

און האַן רינער דערציילט אונדז ווי דער מענטש מאַכט פון דורות קאַשמאַרנדיקע אָנשטרענגען, כדי אַראָפּצוואַרפן פון זיך די „נאַטירלעכע לייבאייגנשאַפט", וואָס בינדט אים צו אַ העלפט פון זיין לעבן צו דער ערד. פאַרפאַלן: ס'איז אַ פאַטאַל געזעץ. די, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון דער פיזישער אַרבעט, האָבן זי געמוזט אַרויפצווינגען אויף זייערע ברידער. מ'האָט באַדאַרפט האָבן שקלאַפן, כדי עס זאָלן זיין „פרייע מענטשן".

און האַן רינער קומט מיט אַ לויבנגעזאַנג פאַר סאַנקט פּאָולוס, פאַר

סאנקט ברוך שפינאָזאַ און פאַר סאנקט טאָלסטאָי. זיי אַלע האָבן זיך אָפּ־געזאָגט צו לעבן פון גייסטיקער אַרבעט. דער ערשטער האָט אויסגעאַר־בעט דאָס ביסל חיונה ביים שפּינען צעלט־געוועבן, דער צווייטער ביים שלייפן ברילן־גלעזער, און דער דריטער, דער נאָבעלער זשעני פון אונדזער צייט, סאנקט טאָלסטאָי, האָט נישט פריער געגעסן קיין אָוונטברויט, איי־דער ער האָט נישט געהאַט פאַראַכטן אַ פּאָר שטיוול".

ער רופט אויס פּאַטעטיש: פּאָעט, פּראָפעסאָר, אָראַטאָר, לאָמיר בלייבן מיר, לאָמיר זיך נישט דעפּאָרמירן.

פּעסימיזם און האָפענונג

אַ מאָל, אַ מאָל ווערט פּאַרטונקלט ביים חכם, ביים קינסטלער האַז רינער, זיין גרויסע צוקונפט־וויזיע, ווי אַ פּועל יוצא פון דעם, וואָס ער זעט איבערחזרן זיך ביי די מענטשן: זייערע שטותים, זייערע משוגעתן און נאַרישער עגאָיזם, וואָס פירן זיי צו שינאה, צו שפיכת דמים, פון וועל־כע זיי אַליין ליידן שפעטער די קרבנות, און עס באַווייזט זיך אַ שמץ פון פּעסימיזם, פון ספקות בנוגע דעם עתיד, און צו אונדז דערגיין צער־פולע טענער:

— „וואָס ווילן זיי, די מענטשן, מער פון לעבן ווי הערשן און תענו־גים? אַ געפּייניקטער שקלאַף שטרעבט צו ווערן אַ האַר, וואָס פּייניקט. ווען וועלן זיי, די מענטשן, זיך דערהייבן צו יענע גייסטיקע גליקן, צו דער גבורה פון יושר, צו דער ריטמישער חכמה, צו דער נאָבלקייט, וואָס עס פאַרמאָגט אין זיך די ליבשאַפט?".

און די תשובה איז אַ ביטערע, אַ ווייטיקלעכע נבואה. — „צום באַ־דויערן וועלן אַלע כמעט פאַרפעלן דעם אמתן וועג. זיי וועלן בלאָנדזשען אָן אַ סוף אין תהומים פון הערשעריי, פון דער סענסועלקייט, אָדער קמ־צנות. און וואָס איז געשען מיט די בעסטע, מיט די איידלסטע, מיט די אויסדערוויילטע, מיט די יחידי סגולה? אפשר האָבן זיי, די בעסטע, פאַר־לאָזן אונדזער אָרעמען פּלאַנעט? וואָס איז געוואָרן מיט בודהאַ, מיטן נוצרי און מיט עפּיקטעט? צי האָבן מיר זיי, זינט דורות, געטראָפן ערגעץ אַנדערש ווי אין אונדזערע חלומות, ווי אין אונדזערע פּרומע, באַהאַר־ציקטע רייד?".

און דער גוטער גייסט קוקט מיט אומרו און זאָגט:

— „דערגרייכט וויפל קענטעניש, וויפל מאַכט איבער דער מאַטע־ריע". און ער פרעגט מיט אַ ציטערנדיקער שרעק:

— „צי איז דאָס מעגלעך, צי איז דאָס אמת, אַז די שטייגנדיקע קראַפט האָט נישט פאַרגרעסערט אונדזערע הערצער? דער דורכשניט פון

די מענטשן איז, מאָראַליש גערעדט, נישט בעסער פון די מענטשן פון דער גאָר אַנטיקער היסטאָריע. ווער פון אונדז קען זיך דערוועגן זיך צו דערקלערן העכער פון אַ בודהאַ, אַ סאָקראַטעס, אַ קלעאַנט, אַ נוצרי, אָדער אַן עפּיקטעט? נישט אַנדערש, נאָר עפּעס אַן אָרעם פּליסיק וואַסער האָט זיך אָנגעשטאָפּן אין עפּעס אַ נישט־באַמערקלעכער מניעה און די מענטשהייט איז געוואָרן אַ פאַרפּעסטיקטער זומפּ *).

צי איז שוין אַן אייביקער אָפּשטעל, אַ נישט־ווייטער־גיין, אַ באַוועגן אין פאַרעיפּושטן זומפּ, אָן אַ האָפענונג, און אָן אַן אויסוועג?

נישט געקוקט אויף דעם אויבן ציטירטן, הערן מיר אָבער שפּעטער פון האַן רינגערן טענער ליכטיקע, אָפּטימיסטישע, לאָמיר אים לאָזן אַליין ריידן:

— „מאָרגן אפשר וועלן די פיינע וואַסערן זיך אויסזוכן אַ שפּאַלט. אַ שפּאַלט, וואָס דאָס מענטשישע אויג איז גאָרנישט מסוגל צו באַמערקן".

און ער זעט שוין אין זיין וויזיע:

— „ווי עס שפּרודלט דאָס פיינע וואַסער.

— „די פעלדזן פאַלן, שטויסן זיך אָן און צעגייען זיך ווי טראָפּנס אין אַ שטראָם פון אַ וואַסערפאַל, און אַלע מענטשישע האָפענונגען, אַלע נאָבעלע נבואות, אַלע הבטחות, ווערן באַרעכטיקט. אויב ער, דער מענטש, דויערט גענוג לאַנג, ווערט יעדע פון זיינע חלומות אַ קומענדיקע ממשות".

*) האַן רינגער: „דאָס אייביקע לעבן".

ד ע ר ש י נ ע ן

„אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלער"

— בוך פון הערש פענסטער

די טעג איז דערשינען דאָס פון לאַנג שוין אָנאָנסירטע בוך פון הערש פענסטער א. נ. „אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלער".

הערש פענסטער, דער באַקאַנטער פאַריזער שרייבער און עסייאיסט, האָט גלייך פון נאָך דער באַפרייאונג זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען אַ וואָס מער קאָמפּלעטע געשיכטע פון די אומגעקומענע אין פראַנקרייך יידישע קינסטלער, דעפּאָרטירטע און דורך די נאַציס אומגעבראַכטע יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן.

מען קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ אומגעהויער שווערע אויפגאַבע הערש פענסטער האָט אויף זיך גענומען, און פאַר וואָס פאַראַ שוועריקייטן ער איז געשטאַנען.

נאָך מערערע יאָרן פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט, האָט ער פאַרענדיקט די אונטערגענומענע אַרבעט און מיט דער הילף פון פיל פריינט און געזעלשאַפטן, רעאַליזירט דאָס אַרויסגעבן דאָס ווערק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּרעכטיקן מאָנומענט פאַר די אומגעקומענע קינסטלער-קדושים.

דאָס בוך „אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלער" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַלבום-פאָרם, אויף אַ פיינעם פּאַפּיר, עס אַנטהאַלט די ביאָגראַפיעס פון אַכציק אומגעבראַכטע יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן, זייערע פאָטאָגראַפיעס און רעפּראָדוקציעס פון זייערע ווערק. דאָס שער-בלאַט (און אַנדערע צייכענונגען), אַ שעדעוור פון ספרים-באַפּוצונג, איז געמאַכט געוואָרן פון קינסטלער אַרטור קאָל-ביק. דאָס בוך אַנטהאַלט אויך אַ רירנדיק פאָרוואָרט פון גרויסן קינסטלער מאַרק שאַגאַל.

דאָס בוך „אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלער" איבעראַשט ממש מיטן אופן ווי עס איז אַרויסגעגעבן, מיט דעם פראַכט פון דער פאָרם, און מיט דעם גרויסן ערנסט, מיט וועלכן עס אָטעמט.

עס איז אַ ווירדיקע מצבה פאַר די קינסטלער-מאַרטירער.

הערש פענסטערס איבעראַשונג

איז, ווייזט אויס, אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגער, אויסערסט-שווערער האָרעוואַניע, אָבער זי איז אַזוי גרויס, לכל הפּחות, איר ערשטער איינדרוק, אַז מען מעג, דוכט זיך, זאָגן : נישט נאָר עס האָט זיך געלוינט, נאָר עס האָט געמוזט געשען.

אַ קינסטלערישן אָנדענק פאַר די אומגעקומענע יידישע קינסטלער פון פּאַריז האָט מען ג ע מ ו ז ט שאַפן. און אַז געשאַפן האָט עס אַ יחיד איז אַ סימן, אַז ע ר האָט עס געמוזט.

דער ערשטער קוק אויף הערש פענסטערס גרויס בוך און דער ערשטער אַרייַנקוק אין אים איבעראַשן אַזוי, אַז אָפּקומען מיט אַ „ברוך-הבא"-גרוס און מיט אַ „יישר כוח"-שאַבלאָן איז נישט מעגלעך. מען דערפילט באַלד, אַז עס איז מחייב, — דער אינהאַלט און די פאָרם, די נעמען פון די אומגעקומענע קינסטלער און די גרויסע ליבשאַפט פון זייער פריינט און אָנדענק-בויער, — עס איז מחייב צו ערנסטער פייערלעכער דערנענטערונג. אָבער עס איז אויך נישט מעגלעך צו וואַרטן און נישט צו זאָגן, אַז עס איז אַ גרויסע איבעראַשונג, — ג ר ו י ס אין אַלע הינזיכטן.

(„אונזער וואָרט" פון 8-טן מאַי 1951)